**אויף תיכף ארויסצוגעבן: 2/26/2026** **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנאר האקול שיקט א בריוו רופנדיג אויף אמעריקאנע אפטיילונג פון טרעזשורי צו זאפארט צוריקגעבן 13.5 ביליאן דאלאר אין טאריף באצאלונגען פאר ניו יארקער

***קומט נאך וואס סופרים געריכט האט געאורטיילט אז טראמפ'ס טאריף פאליסיס זענען געווען אומגעזעצליך***

***עקספערטן שאצן מען איז שולדיג 1,751 דאלאר פאר'ן דורכשניטליכע ניו יארקער הויזגעזונד***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקל) האט היינט געשיקט א בריוו צו די אמעריקאנע טרעזשורי סעקעטאר U.S. Treasury Secretary) Scott Bessent (סקאט בעסענט), רופנדיג אויף אים צו זאפארט ארבעטן מיט פעדעראלע אגענטורן צו צוריקגעבן אלע טאריף באצאלונגען פאר ניו יארקער.

נאכפאלגנדיג די לעצטיגע סופרים געריכט באשלוס וואס האט געאורטיילט אז פרעזידענט Trump'ס (טראמפ) טאריף פאליסי זענען אומגעזעצליך, טוט גאווערנאר Hochul (האקול) ווייטער פארלאנגען א פולע ריפאנד פון 13.5 ביליאן דאלאר אין טאריף באצאלונגען.

באזירט אויף שאצונגען דורך די בודשעט לעב ביי יעיל (Budget Lab at Yale), האט די דורכשניטליכע ניו יארקער הויזגעזונד באצאלט א געשאצטע 1,751 דאלאר אין געהעכערטע קאסטן צוליב טאריפס זייט זיי זענען איינגעפירט געווארן פאריגע יאר, האבנדיג א סך הכל געשאצטע 13.5 ביליאן דאלאר אפעקט אויפ'ן גאנצע סטעיט.

*די פולע נוסח פון די בריוו איז מיטגעלייגט פון אונטן:*

די געעהרטע Scott Bessent (סקאט בעסענט)
סעקרעטאר פון די טרעזשורי
אמעריקאנע אפטיילונג פון טרעזשורי (Department of the Treasury)
.1500 Pennsylvania Avenue, N.W
Washington, D.C. 20220

לכבוד סעקרעטאר Bessent (בעסענט),

אין נאמען פון איבער 20 מיליאן ניו יארקער, פארלאנג איך אז די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע זאל צוריקגעבן אומגעפער 1,751 דאלאר פאר יעדער ניו יארקער הויזגעזונד, פאר א סך הכל טאריף ריפאנד פון אומגעפער 13.5 בליאן דאלאר פאר ניו יארקער. פאר דעם צוועק, רוף איך אויף די אפטיילונג פון טרעזשורי צו קאארדענירן מיט פאסיגע אגענטורן און זאפארט אויסרעכענען און איינפירן א פלאן צו צוריקגעבן אלע טאריף פארדינסטן.

לעצטע וואך, האט די סופרים געריכט פון די פאראייניגטע שטאטן געאורטיילט אז די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע'ס טאריפס ארויפגעשטעלט אונטער די אינטערנאציאנאלע עמערדשענסי עקאנאמישע מאכטן אקט (International Emergency Economic Powers Act, IEEPA) זענען אומגעזעצליך. די אומגעזעצליכע שטייערן האבן פאראורזאכט כאאס אויף די אמעריקאנע עקאנאמיע און געהעכערט קאסטן פאר שווער-ארבעטנדע פאמיליעס.

האבנדיג אומגעזעצליך צוגענומען ביליאנען דאלארן פון אמעריקאנע מענטשן און ביזנעסער, זאל די פעדעראלע רעגירונג יעצט טוהן די ריכטיגע זאך: עס צוריקגעבן. באזירט אויף שאצונגען דורך די בודשעט לעב ביי יעיל (Budget Lab at Yale), האט די דורכשניטליכע ניו יארקער הויגעזונד באצאלט א געשאצטע 1,751 דאלאר אין געהעכערטע קאסטן צוליב טאריפס זייט זיי זענען איינגעפירט געווארן פאריגע יאר, האבנדיג א סך הכל געשאצטע 13.5 ביליאן דאלאר אפעקט אויפ'ן גאנצע סטעיט.

ניו יארקער האבן געשפירט די נאכווייען פון די טאריפס דורכאויס יעדער סעקטאר פון אונזער עקאנאמיע. קאנסומער האבן געצאלט אסאך מער פאר טאג-טעגליכע פראדוקטן. קליינע ביזנעסער האבן זיך געטראפן מיט געהעכערטע סופליי און געצייג קאסטן. אונזער סטעיט'ס פארמינג אינדוסטרי איז ספעציעל שטארק באטראפן געווארן, מיט פארמער וואס באריכטן נאך א שיכט פון אומקלארקייט וואס טוט שווער מאכן פלאנירונג און צוקונפטיגע אינוועסטירונג.

מיליאנען ניו יארקער זענען בארעכטיגט פאר א ריפאנד פאר די עכטע און ברייט-פארשפרייטע נאכווייען פון פרעזידענט Trump'ס (טראמפ) ווילדע און אומלעגאלע טאריף פאליסי. מען איז שולדיג פארגיטיגונג פאר די מענטשן פון ניו יארק, און ניו יארקער קוקן ארויס צו באקומען אונזער פולע באצאלונג.

מיט רעספעקט,
Kathy Hochul (קעטי האקול)
גאווערנאר

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן